# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בהר תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 432



בני אמונים
מתחזקים בענית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'נותן' - יעדן טאג פון ניי

"דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'" (כה ב)

פארוואס כאפט אן די תורה: "אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן" - מיט א לשון הווה?

טייטש **רבי יעקב קטינא** פון די חוסטער דיינים:

כדי זוכה זיין צו פילן די געוואלדיגע קדושה פון ארץ ישראל דארף דער מענטש זיין אין א פאסיגע מדרגה פון קדושה. ווי מער דער מענטש וועט שטייגן אין די מדרגות הקדושה, אזוי וועט אויך שטייגן די מדרגות פון זיינע השגות אין קדושת הארץ. דעריבער שרייבט דא די תורה: "אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן" - מיט א לשון הווה, ווייל די מתנה פון די לאנד ווערט געגעבן יעדן טאג פון ניי, לויט די מדריגה אין קדושה וואס ער איז געשטיגן אין דער טאג.

ענליך צו דעם קען מען ערקלערן די סיבה פארוואס ביי די ברכת התורה לאזן מיר אויס מיט א לשון הווה - "נותן התורה"; ווייל ווי מער דער מענטש איז מוסיף זיך צו פלאגן אין תורה, אזוי זענען די השגות אין תורה, קומט אויס אז ער באקומט די תורה יעדן טאג פון ניי.

'קרבן העני'

### 'שדך' און 'כרמך' - דורך היטן שמיטה

"שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ וְשֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְמֹר כַּרְמֶךָ וְאָסַפְתָּ אֶת תְּבוּאָתָהּ; וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן יִהְיֶה לָאָרֶץ" (כה ג-ד)

**רבי משה לייב ליטש-רויזנבוים** א תלמיד פון 'חתם סופר' זאגט:

עס איז באקאנט דער מאמר פון חכמים (ברכות לה א) אז ביז דער מענטש פירט נישט אויס זיין חוב צו זאגן א ברכה פארן באשפעך אויף די עסנווארג, איז די ערד און די פרוכט געהערט ווי הקדש וואס איז אסור בהנאה, אזוי ווי עס שטייט: "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ" (תהילים כד א). און נאר נאך די ברכה גייט אריבער די ערד צו זיין רשות און ער מעג הנאה האבן פון דעם, אזוי ווי עס שטייט (שם קטו טז): "וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם".

צו א ענליכער געדאנק זענען מרמז די פאלגנדע פסוקים; ווען ווערן די פעלד און וויין-גארטן גערעכנט ווי "שדך" און "כרמך" - נאר דערנאך וואס דו וועסט אויספירן זיין חוב פארן באשעפער, און דו וועסט מקיים זיין דער ציווי: "וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן יִהְיֶה לָאָרֶץ".

'אמרות ה" השלם

### דער וואס איינערקענט אין זיין גירות ווערט א תושב

"וְהָאָרֶץ לֹא תִמָּכֵר לִצְמִתֻת כִּי לִי הָאָרֶץ כִּי גֵרִים וְתוֹשָׁבִים אַתֶּם עִמָּדִי" (כה כג)

די ווערטער 'גרים' און 'תושבים' זען לכאורה אויס ווי 'תרתי דסתרי'?

זאגט **רבי יוסף פאצאנאווסקי** פון לאדזש:

עס איז באקאנט די גמרא (ברכות לה א) וואס ערקלערט די סתירה פון די פסוקים אין תהילים; "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ" (כד א), אקעגן: "וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם" (קטו טז), אז פארן ברכה געהערט די לאנד "לה'", און נאר דערנאך וואס דער מענטש טוט איינערקענען אין דעם און לויבט דעם באשעפער בעפאר זיין הנאה, דעמאלטס: "וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם".

אויף דער יסוד איז מרמז אונזער פסוק; מצד הדין - "כִּי לִי הָאָרֶץ", אבער ווען ענק וועלן אריינעמען אין ענק די פאקט אז ענק זענען נאר ווי "גֵרִים" אין דעם, דעמאלטס "וְתוֹשָׁבִים אַתֶּם עִמָּדִי" - האבן ענק די מעגליכקייט זיך באנוצן מיט דעם.

'פרדס יוסף'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### "כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו"

מיר דערנענטערן זיך לקראת דעם הייליגן טאג "ל"ג בעומר"; דער יומא דהילולא פון התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי זיע"א.

דאס עצם דערמאנען "ל"ג בעומר" ערוועקט ביי אונז אלע א ציטער פון התרגשות און א ווארימע געפיל פון ארויפגיין צום קודש הקדשים, צו די ציון המצוינת אין מירון, דער פלאץ פון דער הילולא קדישא, וואו שמחה און תפילה טרעפן זיך דארט צוזאמען, און גייען ארויף ווי א פלאם פייער צום הימל - און ברענגט ישועות און רחמים און אסאך השפעות פאר אלע אידן.

דער כח פון רשב"י, וואס אויף אים האט מען ממליץ געווען דעם מאמר חז"ל (ברכות ט, א): "כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו בשעת הדחק", איז זייער גרויס און געוואלדיג, און ווער וויל דען נישט זוכה זיין צו האבן עפעס א שטיקל קשר צו רשב"י און ל"ג בעומר.

ריכטיג טאקע, אז נישט יעדער איז זוכה ארויף קריכן צו די בערג פון גליל העליון, צי צוליב די ווייטקייט פונעם ארט, אדער אנדערע פארשידענע באגרעניצונגען ווי מיר האבן ליידער איבערגעלעבט אין די לעצטערע יארן, אין אנהויב מיט די קאראנע עפידעמיע, און דאס לעצטע, דער שרעקליכער אומגליק פון די אומקום פון 45 נפשות זכרונם לברכה וואס זענען אוועק געריסן געווארן פאר א יאר, ה"י.

מיר ווייסן נישט ווי אזוי די טראדיציאנעלע עליה קיין מירון וועט אויסזעהן דאס יאר, און מיר האפן אז אלעס וועט זיין אויפן בעסטן וועג, לחיים ולשמחה ולשלום. אבער, זיך מקשר זיין און אנרירן תורת הרשב"י, און אזוי זוכה זיין אז אונזערע תפילות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ורצון, קען מען זוכה זיין איבעראל און אין יעדע צייט.

אין נישט ווייניג ערטער אין הייליגן זוהר, שרייבט רשב"י זייער גרויס איבער די מעלה פון ענטפערן אמן, און דא איז נישט דער פלאַץ צו מאריך זיין אין דעם. מען דארף אבער לייגן א ספעציעלן דגוש אויף זיינע ווערטער אין פרשת וילך (רפא ב), וואו ער שרייבט, אז א מענטש וואס איז מקפיד ווי עס דארף צו זיין אויף ענטפערן אמן, איז זוכה אז א בת-קול רופט אויס און זאגט: "עפענט זיך די טויערן און זיין תפילה זאל אנגענומען". האבן מיר דא א קלארע הבטחה וואס קומט ארויס פון מויל פון עיר וקדיש מן שמיא נחית, אז אויב מיר וועלן זיך מחזק זיין אין ענטפערן אמן, וועלן זיך עפענען פאר אונז די שערי תפילה.

זיכער אז מקפיד זיין אויף די מנהג הקדמונים און דער אריז"ל פון זאגן ברכות השחר בחברותא פארן דאווענען - איז די ריכטיגע הכנה און העלפט אז אונזערע תפילות זאל אנגענומען ווערן, ווי עס זעט אויס אין די פסוק (תהלים סט יד) וואס מיר זאגן ביים אריינגיין אין שול: "ענני באמת ישעך", און 'אמן' איז דאך טייטש 'אמת', זען מיר אז אין זכות פון אמן וועט השי"ת אונז ענטפערן און העלפן.

אויב מיר וועלן גרייטן זיך צום דאווענען ווי עס דארף צו זיין, דורך ענטפערן 'אמן' נאך ברכות השחר, וועלן מיר אוודאי זוכה זען ווי "כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו", ווען די שערי התפילה וועלן זיך עפענען פאר אונז און אונזערע תפילות וועלן נתקבל ווערן לרצון.

**מיט א האפענונג "שערי שמים פתח"**
**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# א ישועה וואס האט געברענגט נאך א ישועה

דאס האט פאסירט אין יאר תשע"ב, די אדורכגייער אין איינע פון די גאסן אין א באקאנטער חרדי'שער שטאט האבן אפגעשטעלט זייער אטעם מיט שרעק; א שווערע טראק האט פארלוירן אירע ברעקסן און האט אנגעהויבן גאלאפירן די גאס אויף אראפ צו דעם אומבאקאנטן... דער דערשראקענער טראק דרייווער האט פרובירט מיט זיין גאנצן כח עס אפשטעלן, און ווען עס איז אים ענדליך געלונגען, איז שוין געווען צו שפעט פאר הרב ש. וואס אין יענע מאמענטן איז ער אריבער די שאסיי נעבן זיין הויז.

הרב ש. א טאטע פון אכט קינדער איז איצט געלעגן אויפן ערד צוקלאפט אינגאנצן פונעם טראק. זיין לעבן און דאס לעבן פון זיין פאמיליע האט זיך געטוישט אין איין מינוט.

דער פארוואונדעטער איז שנעל אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל, אבער די דאקטוירים האבן נישט געגעבן קיין שאנס אים צו ראטעווען. "עס איז א זאך פון א שעה אדער טעג. עס קען אפילו זיין וואכן", האבן זיי געמאלדן טרוקענערהייט. "די אינעווייניגסטע גלידער זענען געשעדיגט געווארן אויף א אומבאהאלפענעם וועג, און מיר האבן נישט אסאך צו טון" – האבן זיי זיך אונטערגעמורמלט פאר די שאקרינדע פאמיליע מיטגלידער.


ציון רשב"י הק'

וואו מער די טעג זענען אריבער, און זיין צושטאנד האט זיך נישט געענדערט, האבן די פאמיליע מיטגלידער אנגעהויבן משלים זיין מיט דער שווערער מציאות. אבער דער טאטע פון דעם פארוואונדעטן האט זיך נישט געוואלט מייאש זיין. ער האט פארשטאנען, אז דווקא ווען אויף דעם נאטורליכן וועג איז נישטא קיין אויסוועג, איז דאס די געלעגנהייט צו אנווענדן אלע מיטלען אויף דאוונען, מיט א אמונה אז נאר דאס קען פארענדערן דעם גורל.

זיינע ווערטער זענען אנגענומען געווארן אין הארץ פון דער משפחה. פון יענעם טאג אן איז זייער שטוב פארוואנדלט געווארן אויף א קליינע אפיס וואס האט אנגעפירט ריזיגע און וועלט-בארימטע תפילות, פון דער קליינער הויז איז ארויס דער רוף איבער דער וועלט: **"ביטע זייט מקדיש עטליכע מינוט צו זאגן תהלים פארן חולה פלוני בן פלוני, א טאטע פון אכט קינדערלעך וואס איז שרעקליך פארוואונדעט געווארן און לויט די דאקטוירים איז נישטא קיין שאנס אים צו ראטעווען. פאמערט צו דאווענען פאר אים ווייל נאר דער אייבערשטער קען אים צוריק ברענגען פון טויט צום לעבן".**

די בקשה איז פארשפרייט געווארן אין די שולן איבער דער גאנצער וועלט, עס איז אויפגעהאנגען געווארן אויף די טאוולען און איז פארשפרייט געווארן אויף סיי וועלכע אופן. א קורצע צייט נאכדעם, אין טאג פון ל"ג בעומר, האבן ריזיגע מודעות וואס האבן ארויסגעברענגט דעם דערמאנטן רוף אפגעוואוירט די צענדליגער טויזנטער אידן וואס גייען ארויף קיין מירון, און יעדער וואס האט זיך אין זיי אנגעשטויסן איז נישט געבליבן גלייכגילטיג.

דריי טעג נאך ל"ג בעומר האט זיך אפגעשפילט א דראמאטישער ענדערונג, דער פארוואונדעטער איז אריבערגעפירט געווארן פון די אינטענסיוו-קער אפטיילונג [מחלקת טיפול נמרץ] צו דער רעספעראטארי ריהעלבטעישן אפטיילונג [מחלקת שיקום נשימתי]. אבער די דאקטורים האבן שנעל אפגעקילט די באגייסטערונג, און האבן ווייטער געהאלטן, אז ער האט ווייניג אויסזוכטן זיך צו קענען ערהוילן.

גלייכצייטיג האבן די תפילות זיך נישט אפגעשטעלט, נאר פארקערט, זיך פארשטארקט, די באריכטן וואס זענען געקומען פון שפיטאל, האט אריינגעבלאזן א גייסט פון האפענונג אין די צענדליגער טויזנטער מתפללים, וועלכע האבן געהאפט אז דער פארוואונדעטער וועט זיך ערהוילן און זיך אומקערן צו גיין אויףביידע פיס ווי פריער.

און אזוי איז געשען, נאך עטליכע וואכן איז דער פארוואונדעטער באפרייט געווארן פון שפיטאל ווען ער גייט אויף ביידע פיס, פונקציאנירט כמעט ווי אמאל. ער איז ווידער געווארן א געזונטער פאטער אזוי ווי ביז די עקסידענט.

די מעשה האט אויפגעשטורעמט דער וועלט, עס איז קלאר געווען אז הקב"ה האט געשיקט פון הימל א מעכטיגע מעסעדזש פאר יעדן איד; ווען א מענטש וואס איז געווען כמעט אין עולם העליון קומט פלוצלינג צוריק צום לעבן, קומט עס בלויז אז אלע זאלן וויסן דער כח פון תפילה.

אבער דא האט זיך ערוועקט די פראגע: פון וואו האבן די משפחה-מיטגלידער באקומען זייערע כוחות? וויאזוי האבן זיי זיך נישט מייאש געווען און ווייטער געווידמעט אלע זייערע השתדלות אין דער וועלט-ברייטע תפילה-אפעראציע, טראץ די שווערע אויסזוכטן פון די דאקטוירים?

דער פאטער פון דער פארוואונדעטער ר' יצחק ש. האט מסכים געווען מיטטיילן די געשיכטע וואס ער האט געהערט, פון וואו ער האט באקומען די כוחות זיך צו שטארקן און אויך מחזק זיין די משפחה מיטגלידער פארזעצן די דאווענען אפעראציע אן ווערן פארצווייפלט.

דאס איז געווען די מעשה פון ר' משה, א מיטל-יעריגער איד, וואס צוויי וואכן נאכן אדורכפירן א סעריע געווענליכע-טעסטן פאר זיין עלטער, איז ער שנעל אריינגערופן געווארן צום דאקטער'ס צימער. דער דאקטער האט אים אנגעוויזן אויף דער בילד וואס ער האט אדורכגעפירט, מען האט לייכט געקענט אידענטיפיצירן אויף דעם דאס ערגסטע פון אלעס.

"עס טוט מיר לייד דיך מיטטיילן אז די ערנסטע קרענק האט זיך אנטפלעקט אין דיין קערפער. ליידער, די קרענק האט מען שוין געטראפן ציי שפעט און אין א נאטורליכן וועג איז נישטא קיין שאנסן דיך צו היילן" - האט דער דאקטער געזאגט.

ר' משה האט פארלאזט דעם דאקטער'ס צימער צובראכן און צושלאגן, און נאך ארום זיבן חדשים איז ער צוריקגעקומען, מיט א בוקעט בלומען אין זיינע הענט...

"פראפעסאר, איך בין דיר געקומען זאגן א דאנק, איך בין דיר שולדיג מיין לעבן!" - האט ער געזאגט פארן דערשטוינטן דאקטער. עס האט געדויערט עטליכע מינוט ביז דער פראפעסאר האט אויפגעכאפט ווער עס שטייט אקעגן אים, און רבי משה האט ווייטער געזאגט:

"ווען איך בין געווען אין דיין צימער מיט זיבן חדשים צוריק, האסטו מיר געזאגט אז עס איז נישטא קיין שום שאנס, איך האב אנגענומען דיינע ווערטער אן זיך קריגן, און פון יענעם טאג אן האב איך באשלאסן אפצוגעבן אלע מיינע כוחות אויף דער איין זאך וואס האט די שטענדיגע האפענונג, דאס איז דאווענען.

אין דער זעלבע צייט האב איך באשלאסן צו גיין צו א פאסיגע קליניק צו באקומען א באהאנדלונג, טראץ עס האט נישט געהאט קיין אויסזוכטן, איך האב באשלאסן אז נעבן די כח התפילה, וועל איך טון די השתדלות וואס פארלאנגט זיך פון מיר. אבער, רוב פון מיינע כוחות האב איך אריינגעלייגט אין תפילה. איך האב יעדן טאג, אין לויף פון זיבן חדשים, אינדערפרי, מיטאג און אוונט, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאגט פארן בורא עולם: 'איך ווייס אז בדרך הטבע האב איך נישט קיין אויסזוכטן, און דווקא צוליב דעם גלייב איך, אז נאר דו, דער רופא כל בשר, וואס דו ביזסט א כל יכול, נאר דו קענסט מיך צוריקברענגען צום לעבן, צו זיין צוזאמען מיט מיין משפחה און קינדער'.

אט בין איך דא, אינגאנצן געזונט. נעכטן ווען איך האב באקומען דעם אפיציעלן דאקומענט וואס באשטעטיגט אז איך בין אויסגעהיילט געווארן, האב איך ביי מיר געטראכט א דאנק ווען בין איך ביז אהער אנגעקומען, און איך בין צוגעקומען צום א אויספיר, א דאנק דיר! אויב אזוי, בין איך דא געקומען דיך צו דאנקען אויף דעם".

"א דאנק מיר???" – האט דער פראפעסאר רעאגירט מיט פארוואונדערונג. "יא, א דאנק דיר!" האט ר' משה געענטפערט, ווייל אויב דו וואלסט מיר נישט געזאגט אז ס'איז נישטא קיין שאנס, וואלט איך באטראכט דאס דאווענען ווי געווענליך - אלס נאך א השתדלות וואס איך מוז טון... אבער פון דעם מאמענט וואס דו האסט מיר געזאגט אז ס'איז נישטא קיין שאנס, האב איך זיך ערנסט גענומען צום דאווענען, און בחסדי שמים איז די תפילה אנגענומען געווארן".

די דאזיגע מעשה, זאגט הרב ק. האט מיר און מיין פאמיליע געגעבען דעם כח צו ממשיך זיין אומפארשטענדליך אין דער דאווענען אפעראציע וואס מיר האבן אנגעהויבן, אין לויף פון עטליכע מאנאטן, ביז מיר האבן זוכה געווען צו א וואונדערליכע ישועה.

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'ולמלשינים'

### די מקור פון די ברכה

די 'שמונה עשרה' - כשמה כן היא - האט אין אנהויב ענהאלטן אין זיך אכצן ברכות וואס זענען פארפאסט געווארן דורך די 'אנשי כנסת הגדולה' וואס האבן געלעבט אין אנהויב בית שני. ארום פינף הונדערט יאר שפעטער, נאכן חורבן, האבן זיך אנגעהויבן צו פארמערן און אויסמישן צווישן כלל ישראל פארדרייטע גרופעס וואס האבן פארדרייט די תורה און אסאך זענען זיי נאכגעגאנגען. דעריבער האט רבן גמליאל דיבנה געבעטן פון שמואל הקטן ער זאל מתקן זיין 'ברכת המינים' (ברכות כח ב; רמב"ם תפילה ב א; 'רבינו מנוח' שם).

די חכמים האבן מסדר געווען די ברכה נאך ברכת המשפט, ווייל ווען השי"ת וועט שטראפן די רשעים, וועט ער זיכער שטראפן די מינים וואס זייער שטראף איז מער הארב (מגילה יז ב; מהרש"א ח"א שם), און צוליב דער שטארקער קשר צווישן די ברכות הייבט זיך די ברכה מיט א ווא"ו החיבור - 'ולמלשינים' ('שפתי חיים' - 'רינת חיים' ביאורי תפילת שמונה עשרה עמ' קס).

### די באדייט פון די ברכה

אין איר ארגינעלן נוסח הייבט זיך די ברכה מיט "[ו]למשומדים אל תהי תקוה". אבער ווי געזאגט ווייל די ברכה האט מען מתקן געווען אקעגן די פארשידענע פארטייען וואס פארדרייען די תורה, ובראשם אותו האיש ימ"ש (רש"י דפו"י ברכות כח ב), איז די אנהייב געטוישט געווארן אויף "ולמלשינים...", צוליב די ציטער פון די גוים ('לוח ארש' [ליעב"ץ] סי' קנט).

ביי די ברכה דארף מען אינזין האבן צו בעטן אז די כפירה זאל אוסגעריסן ווערן פון דער וועלט, און גאנץ כלל ישראל זאל גלייבן באמת אין תורת ה' - סיי אין תורה שבכתב און סיי אין תורה שבעל פה - און זאלן זיך נישט דערוואגן ווידערשפעניגן אין די חכמים וואס לערנען אויס די תורה. אזוי אויך ווען מיר זאגן "ומלכות זדון מהרה תעקר" [והזדים מהרה תעקר ותשבר"] דארף מען אינזין האבן אז דער זכר עמלק וואס האט זיך אויפגעשטעלט מלחמה האלטן אקעגן די אידן זאל אינגאנצן פארלוירן ווערן, און דורך דעם וועט ער מקיים זיין די מצוה (דברים כה יז) געדענקען מעשה עמלק ('יערות דבש' ח"א דרוש א).

### די געבוי פון די ברכה

אין גמרא (ברכות י א) ווערט געברענגט אז אין די געגענט פון רבי מאיר האבן געוואוינט שלעכטע מענטשן וואס האבן אים מצער געווען. רבי מאיר האט געדאווענט אויף זיי זיי זאלן שטארבן, אבער זיין פרוי ברוריה האט אים געזאגט אז עס איז נישט ריכטיג אזוי צו טון, ווייל דוד המלך האט דאך דירעקט געזאגט (תהלים קד לה): "יתמו חטאים' - און נישט חוטאים", נאר ענדערשט זאל ער דאווענען אויף זיי זיי זאלן תשובה טון. און רבי מאיר האט אנגענומען אירע ווערטער, ער האט געדאווענט אז די בריונים זאלן תשובה טון און זיין תפילה איז אנגענומען געווארן. לויט דעם קען מען זיך וואונדערן וויאזוי בעטן מיר ביי די ברכה 'ולמלשינים' אז די רשעים זאלן פארלענד ווערן?

ערקלערט דער מהר"ל אז מיר בעטן טאקע נישט אז די זינדיגע זאלן שטארבן, נאר דער יצר הרע זאל אויפהערן צו העצן, און דורך דעם וואס די זינדיגע וועלן תשובה טון און אויפהערן לייקענען אין תורת ה' און פיינט האבן די אידן, וועט שוין ממילא נישט זיין קין זינדיגע אויף דער וועלט ('באר הגולה' ז ו).

### ח"י ברכות

אויך נאכן צולייגן די ברכה, איז געבליבן די נאמען - 'שמונה עשרה', פארוואס?

ערקלערט דער מהר"ל: אלע ברכות וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מחבר געווען, זענען אויף זאכן וואס פעלן זיך אויס אויף די עקזיסטענץ פון דאס לעבן פון דער מענטש, און אזוי ווי דער נומער איז אויך דעם מרמז - ח"י ברכות. דאקעגן די ברכת המינים איז א ברכה אז די רשעים זאלן פארטיליגט ווערן פון דער וועלט, און כאטש אז 'איבוד רשעים' ברענגט א טובה אויף דער וועלט, פון דעסטוועגן האט מען עס נישט געוואלט רעכענען צוזאמען מיט די ברכות וואס מיר בעטן אין זיי אויף לעבן, דעריבער איז געבליבן דער פריערדיגער נאמען - 'שמונה עשרה' ('נתיבות עולם' נתיב העבודה סוף פרק יז).

נאך ערקלערט דער 'דברי יואל': די ברכת המינים האט מען מתקן געווען אין אנהויב תקופת הגלות, און עס איז באגרעניצט ביז די ענדע פון די תקופה, לעתיד לבוא וועט עס שוין נישט אויספעלן. דאקעגן, די שמונה עשרה ברכות וואס זענען פארפאסט געווארן דורך די אנשי כנסת הגדולה אין אנהייב בית שני האט א קיום אויף שטענדיג. ווייל אויך די ברכות וואס מיר בעטן אין זיי אויף די גאולה, וועט מען אויך זאגן נאך ביאת המשיח, נאר אנשטאט א בקשה וועט עס ווערן א לויב ('דברי יואל' פרשת וירא).

### די כוונה פון אמן

איך גלייב אין דעם אז הקב"ה וועט צוברעכן די פיינט און אונטערדרוקן די זדים, און הלוואי עס זאל ווי שנעלער געשען

# אוצר הברכות

מאה ברכות אין די פרשה

## די ברכה אין לאנד אין זכות פון זאגן ברכות און אמן

"וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ וַאֲכַלְתֶּם לָשֹׂבַע וִישַׁבְתֶּם לָבֶטַח עָלֶיהָ" (כה יט)

די ראשי תיבות: "וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ" זענען בגימטריה 'אמן', און די סופי תיבות זענען בגימטריה מאה. דיך צו לערנען אז זאגן שלימות'דיגע מאה ברכות, דורך ענטפערן 'אמן' נאך זיי, איז מזכה דעם מענטש מיט א ברכה: "וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ...". 'ליקוטי פניני בן ישכר'

**"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".**

# מאוצרות אמונים

### ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

## ברכות השחר מיט א חברותא – אפילו אין די פרייז פון זיך נישט-באטייליגן ביי די ברית

דער רב פון רמת אלחנן הגר"י זילבערשטיין שליט"א איז אנגעפרעגט געווארן:

דער וואס פירט זיך בקביעות זאגן ברכות השחר צוזאמען מיט זיינע חברים, אויף דעם וועג וואס יעדער זאגט די ברכה אין זיין רייע און די איבריגע ענטפערן נאך אים אמן, און אין די זעלבע צייט קומט פאר א ברית מילה אין דעם בית המדרש; וואס איז ענדערשט, ווייטער ענטפערן אמן מיט זיינע חברים, אדער בעסער זיך באטייליגן ביי די ברית, וואס ווי באוואוסט איז עס זייער א חשובער מעמד און אויך אליהו מלאך הברית באטייליגט זיך דארט?

און האט געענטפערט: בעסער איז צובלייבן ביי די חבורה וואס ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר ווי זיך באטייליגן ביי די ברית, און צוויי סיבות זענען דא אויף דעם: א. דער וואס ענטפערט אמן איז מקיים א מצוה בפועל. אין די צייט וואס ביי א ברית איז נאר דער בעל הברית מקיים א מצוה, און נישט אלע באטייליגטע. ב. כאטש די מעלה פון זיך באטייליגן ביי א ברית איז גרויס, ווייל אליהו הנביא קומט דארט, אבער פון ענטפערן אמן ווערן באשאפן א גאנצע צייט נייע מלאכים. אזוי ווי דער באקאנטער רמז: 'אמן' איז בגימטריה 'מלאך' ('ווי העמודים וחשוקיהם' קובץ מו עמ' צ).

## ברכות השחר בקול – א הייליגע תקנה

אין סוף ספר 'המברך יתברך' (עמ' פה) ווערן געברענגט 'שתים עשרה תקנות קדושות' אין עניני ברכות וואס דער מחבר הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א ראש ישיבת 'שער השמים' האט מתקן געווען. די אכטע תקנה רירט אן ענטפערן אמן נאך ברכות השחר, און אזוי איז דער לשון: "נכון וראוי שבכל בוקר יברך אחד מבני הבית את כל ברכות השחר בכוונה, ויענו כולם אחריו אמן בקול רם".

## ענטפערן אמן איז מחשיב און משלים די ברכה

דער ראב"ד הגר"מ שטערנבוך שליט"א פסק'נט: כאטש מדינא דגמרא (ברכות ס ב) דארף דער מענטש זאגן די ברכות השחר באלד ביים אויפשטיין, יעדע ברכה אין די צייט וואס ער האט הנאה פון דער זאך אויף וואס ער דאנקט, פון דעסוועגן פירן מיר זיך זיי צו זאגן אויפאיינמאל אין שול פארן דאווענען. ווייל דער רמ"א פסק'נט שוין (או"ח קסז ב, וראה משנ"ב שם כ) אז א ברכה וואס מען ענטפערט אויף דעם איז חשובער און איז בשלימות, דעריבער, זאגן די ברכות אין שול פאר איינער וואס וועט ענטפערן נאך זיי אמן און דורך דעם וועט זיין לויב זיין בשלימות, איז ענדערשט פון זיי צו זאגן ווען מען ווערט מחויב זיי צו זאגן אזוי ווי אין גמרא, ווען געווענליך וועט נישט זיין ווער עס וועט זיי משלים זיין מיט ענטפערן אמן ('תשובות והנהגות' ח"ב סי' עא).

# אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער ליינער

**לכבוד חברי מערכת 'וכל מאמינים'**

שוין מער פון פינף יאר וואס איך ליין קביעות'דיג ענקער חשובער גליון. איך בין יעדעס מאל דערשטוינט פון דאסניי צו זען, אז טראץ וואס דער געדאנק הינטער דעם בלעטל און דער הויפט ווארט וואס קומט ארויס פון דעם ענדערן זיך נישט - אין די בחי' פון "בא חבקוק והעמידם על אחת: 'וצדיק באמונתו יחיה'" (מכות כד א) - דאך ווערט די אינהאלט באנייט יעדע וואך.

איך האב נישט קיין צווייפל, אז די אומצאליגע אוצרות וואס ענק ברענגען אין אייער בלעטל, וואך נאך וואך, גייען אריין טיף אין די הערצער פון אסאך, און דאס איז צווישן די סיבות פארוואס יעדן טאג קערן זיך אסאך צוריק צו די אלטע מנהג און זאגן ברכות השחר פאר די וואס ענטפערן נאך זיי אמן.

פון מיין פערזענליכע ערפארונג קען איך עדות זאגן אז עס איז א ריזיגע אונטערשייד צווישן אנהייבן דעם טאג דורך זאגן ברכות השחר מיט א רואיגקייט און ענטפערן אמן אויף זיי, צו די וואס טון נישט אזוי. אויב מיר וועלן אנהויבן דעם טאג מיטן רוף "א-ל מלך נאמן" - וועט דער גאנצער טאג אויסקוקן אנדערש.

**מיטן וואונטש 'חזקו ואמצו'**
**י.ש.ב**
**בית שמש**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



פון די רעכטע זייט די מצבה פון רמ"א, פון די לינקע זייט איז די מצבה פון זיין שוועסטער מרת מרים, אינמיטן איז די מצבה פון זייער פאטער רבי ישראל איסר

## הרמ"א
## י"ח אייר של"ב

רבי משה איסרליש, באקאנט מיט זיין צונאמען רמ"א, איז געבוירן געווארן ארום שנת תר"צ צו זיין פאטער, רבי ישראל איסר, אין קאזימייז, א פארשטאט נעבן דער שטאט קראקא.

אין זיין יוגנט האט ער געלערנט תורה ביי זיין רבי'ן רבי שלום שכנא פון לובלין, זיין צוקונפטיגן שווער, און איז שפעטער באקאנט געווארן אלס דער גרעסטער פוסק פון יהדות אשכנז. ער האט מחבר געווען אסאך חיבורים צווישן זיי איז באקאנט זיין ספר 'דרכי משה' אויף די 'ארבעה טורים', און זיינע הגהות אויף 'שולחן ערוך', אין וועלכע ער האט צוגעלייגט פסקי הלכות און אנגעצייכנט די מנהגים פון יהדות אשכנז. דער חיבור ווערט אנגערופן די 'מפה', ווייל עס איז א 'מפה' אויסגעשפרייט אויף די 'שולחן ערוך' וואס איז פארפאסט געווארן דורך רבי יוסף קארו.

דער רמ"א איז נפטר געווארן ווען ער איז געווען יונג, י"ח אייר - ל"ג בעומר - של"ב, און איז באערדיגט געווארן אינעם אלטן בית-עולם אין קראקא, וואס איז הינטער דעם שול וואס זיין פאטער האט געגרינדעט און טראגט זיין נאמען - דער רמ"א'ס שול. אויף זיין מצבה שטייט געשריבן "משה עד משה רבנו לא קם כמשה". די פוילישע אידן פלעגן קומען אין די מאסן צו זיין קבר אין טאג פון זיין יארצייט.

## די הלכה איז ווי רבי מאיר

אין מסכת סנהדרין (קי ב) ברענגט די גמרא פארשידענע שיטות, וועגן א קליין קינד וואס איז נפטר געווארן, פון וועלכע עלטער איז ער זוכה צו עולם הבא. דער רמ"א פסק'נט להלכה אזוי ווי די שיטה פון רבי מאיר אז א קטן איז זוכה צו עולם הבא פון ווען ער ענטפערט אמן, און אזוי שרייבט ער (או"ח קכד ז): "וילמד בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן, יש לו חלק לעולם הבא".

## אמן איז משלים די ברכה

דער רמ"א פסק'נט אז ענטפערן אמן איז נישט נאר א זכות און א מצוה פאר דער וואס ענטפערט, נאר איז אויך משלים די ברכה פון דער מברך, ווייל די אמן איז א חלק פון די ברכה. וועגן דעם, כדי זיין ברכה זאל זיין בשלימות "המברך יכוין לאמן שאומרים" (רמ"א או"ח קסז ב; משנ"ב שם כ. וראה 'תשובות והנהגות' ח"ב סי' עא).